**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/10/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**צו אנהויבן ניו יארק מאדע וואך, הייבט גאווערנער האקול ארויס 24 ביליאן דאלארדיגע השפעה פון ניו יארק'ס מאדע אינדוסטריע**

***ניו יארק'ס מאדע אינדוסטריע באשעפטיגט אומגעפער 312,000 ניו יארקער און טרייבט אויף מער פון 24 ביליאן דאלאר אין געהאלטן יעדעס יאר***

***גאווערנער'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 רעכנט אריין 5 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו פארמערן פראדוקציע פון פייבער וואס קענען גענוצט ווערן אין מאדע און דעזיין***

***גאווערנער פארעפנטליכט רעקאמענדאציעס פון 'נאטורליכע טעקסטיל אנטוויקלונג ארבעטס גרופע' באאויפטראגט מיטן פארגרעסערן די ראלע פון נאטורליכע פייבער און טעקסטילן אין ניו יארק סטעיט עקאנאמיע***

***זעכצן נייע טעקסטיל און נאטורליכע פייבער פראדוצירער שליסן זיך אן אין 'NYS-געוואקסן און סערטיפייד' פראגראם צו שטופן פאר העכערע סטאנדארטן פאר ענווייראמענטאלע אחריות'דיגקייט***

***גאווערנער האט בעפאר דעם געשאנקען 10 מיליאן דאלאר פאר ניו יארק'ס מאדע ערפידונגען צענטער צו שטיצן די ענווייראמענט-פריינטליכע אנטוויקלונג פון ניו יארק סטעיט טעקסטילן פאר טעכנאלאגיעס וואס מען טוט אן אויף די קערפער און פאר די מאדע אינדוסטריע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געפייערט ניו יארק'ס וועלט-בארימטע מאדע אינדוסטריע און איר ראלע ביים טרייבן די סטעיט עקאנאמיע אלס טייל פון די אנהויב פון די ניו יארק מאדע ('פעשען') וואך. די אינדוסטריע – וואס באשעפטיגט אומגעפער 312,000 ניו יארקער און טרייבט אויף מער פון 24 ביליאן דאלאר אין געהאלטן אריבער די סטעיט יעדעס יאר – זעצט פאר צו זיין א גרויסע ארבעטסגעבער און עקאנאמישע טרייב קראפט פאר די סטעיט און שטופט פאראויס לאנד'ס-פירנדע פארפליכטונגען און ענווייראמענטאלע אחריות'דיגקייט. גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט די רעקאמענדאציעס פון די 'נאטורליכע טעקסטיל אנטוויקלונג ארבעטס גרופע' וואס איז באאויפטראגט מיטן פארגרעסערן די ראלע פון נאטורליכע פייבער און טעקסטילן – די סחורות פון וואס די מאדע אינדוסטריע באשטייט – אין די סטעיט'ס עקאנאמיע.

"ניו יארק'ס עקאנאמיע איז געבויט אויף אונזער וועלט-בארימטע מאדע אינדוסטריע און די דעזיינערס, פארמער, מעניופעקטשורערס און אנדערע פראפעסיאנאלן וועלכע האלטן די אינדוסטריע אויף די באוועגונג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דעם 'מאדע וואך', טוה איך פארשטערקערן מיין פארפליכטונג צו שטיצן מאדע אין ניו יארק און זיכער מאכן אז די אינדוסטריע – וואס טרייבט אויף מער פון 24 ביליאן דאלאר אין געהאלטן פאר שווער-ארבעטנדע ניו יארקער – זעצט פאר צו רוקן אונזער עקאנאמיע אויף פאראויס."

*אינוועסטירונגען אין עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025*

גאווערנער האקול'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט זעצט פאר איר פארפליכטונג צו שטיצן די מאדע אינדוסטריע. אלס טייל פון די בודזשעט האט די גאווערנער פארגעשלאגן א 5 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג פאר 'העמפ' און פאר פראצעסירונג פון פלאנצונג-באזירטע פראדוקטן וואס קענען פארמערן מער פייבער פראדוקציע וואס קען גענוצט ווערן אין מאדע און דעזיין.

*רעקאמענדאציעס פון די נאטורליכע טעקסטיל אנטוויקלונג ארבעטס גרופע*

גאווערנער האקול האט אנאנסירט די רעקאמענדאציעס פון די 'נאטורליכע טעקסטיל אנטוויקלונג ארבעטס גרופע' (Natural Textile Development Workgroup) וואס איז צוזאמגערופן געווארן בשותפות מיט די דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets) און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און באשטייענדיג פון פארמישטע קערפערשאפטן אין פארשידענע פעלדער אין די טעקסטיל אינדוסטריע און אנדערע פארבינדענע סעקטארן. די ארבעטס גרופע איז באאויפטראגט מיטן שטודירן און טרעפן וועגן צו פארגרעסערן די ביישטייערונג פון די נאטורליכע פייבער און טעקסטיל אינדוסטריע צו די ניו יארק סטעיט עקאנאמיע; פארמערן די צאל דזשאבס אין די טעקסטיל אינדוסטריע; אויפקומען מיט וועגן צו שטיצן און פארמערן פריוואטע אינוועסטירונג אין ניו יארק סטעיט ביזנעסער וואס פראדוצירן און פראצעסירן נאטורליכע פייבער און טעקסטילן; ערמוטיגן די אנטוויקלונג פון נייע ביזנעסער אינערהאלב און ארום די נאטורליכע טעקסטיל אינדוסטריע; און פארבעסערן פובליק באקאנטשאפט מיט- און אנערקענונג פון- די בענעפיטן פון נאטורליכע פייבער טעקסטילן און געלעגנהייטן פאר געשעפטן אינערהאלב און אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט.

די ארבעטס גרופע'ס רעקאמענדאציעס רעכענען אריין:

- שטיצן גרענט געלעגנהייטן פאר פראיעקטן צו אויסברייטערן עקזיסטירנדע – אדער אוועקשטעלן נייע – פייבער פראצעסירונג איינריכטונגען און סופליי טשיין עלעמענטן אין די סטעיט;
- ארבעטנדיג צוזאמען מיט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט צו פארשפרייטן די ידיעה איבער עקזיסטירנדע רייץ מאסנאמען און שטיצע וואס העלפן ארויס מיטן רעקרוטירן נייע- אדער אויסברייטערן נאטורליכע פייבער ביזנעסער אין ניו יארק סטעיט;
- שטיצן די אנטוויקלונג פון א מענטארשיפ פראגראם מיט מער ערפארענע פייבער פארמער ווערנדיג צוזאמגעפארט מיט נייע און אנהויבנדע פייבער פארמער צו זיכער מאכן אז די וויסנשאפט גייט ארום אינערהאלב די אינדוסטריע;
- אויפקומען מיט חינוך'דיגע מאטעריאלן און קלאס צימער מיטלען פאר סקול קינדער אויף נאטורליכע פייבער און טעקסטילן;
- בעסער פארבינדן טעקסטיל דעזיינער און פארמער מיט די לעיבאר דעפארטמענט'ס (Department of Labor, DOL) אפרענטיסשיפ פראגראמען; און
- באטראכטן א לייסענסירונג סטראטעגיע פאר די "I Love NY" (איך האב ליב ניו יארק) סימבאל צו קענען ארויסגעבן I Love NY נאטורליכע פייבער טעקסטיל פראדוקטן געמאכט אין ניו יארק סטעיט.

די ארבעטס גרופע'ס פולע באריכט איז פארעפנטליכט [דא](#).

*די NYS-געוואקסן און סערטיפייד פראגראם*

זעצכן נייע טעקסטיל און נאטורליכע פייבער פראדוצירער האבן זיך אנגעשלאסן אין דעם 'NYS-געוואקסן און סערטיפייד פראגראם' (NYS Grown & Certified Program) וואס איז געשאפן געווארן

צו העלפן נאכקומען די וואקסנדע פארלאנג אויפן מארקעט פאר לאקאלע עסנווארג וואס זענען געוואקסן אדער פראדוצירט געווארן אויף א העכערע סטאנדארט. דער פראגראם באשטעטיגט ניו יארק סטעיט פראדוצירער וועלכע פאלגן נאך הויכע עסנווארג זיכערהייט און ענווייראנמענטאלע אפטורופוס׳שאפט סטאנדארטן. עס ווערט געשטיצט דורך א מארקעטינג קאמפיין אריינרעכנענדיג לעיבעלס אויף די פראדוקטן, אדווערטייזמענט און פארקויפונג מאטעריאלן. עס זענען יעצט דא מער פון 3,000 פראדוצירער וואס באטייליגן זיך אין 'ניו יארק סטעיט-געוואקסן און סערטיפייד', פארטרעטנדיג מער פון 750,000 אקער פון פארם שטחים. פאר מער אינפארמאציע איבער NYS-געוואקסן און סערטיפייד, באזוכט certified.ny.gov אדער פאַלאָוט דעם פראגראם אויף Facebook, Twitter און Instagram.

*ניו יארק'ס מאדע ערפינדונגען צענטער*

אין 2022 האט גאווערנער האקול אנאנסירט 10 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג פאר די מאדע ערפינדונגען צענטער (Fashion Innovation Center, FIC) צו שטופן פאר א צוזאמענארבעטנדע צוגאנג צו דאס אויסנוצן ניו יארק סטעיט-פראדוצירטע קלוגע און ענווייראמענט-פריינטליכע טעקסטילן. די FIC רעכנט אויך אריין אן 'ענווייראמענט-פריינטליכע מאדע ערפינדונגען צענטער עקסעלערעיטאר', קאנצענטרירט צו שאפן קלוגע און ענווייראמענט-פריינטליכע אלטערנאטיוון וואס לייזן פראבלעמען פון די אינדוסטריע אין אלגעמיין, שאפן גרינע דזשאבס, שטופן פאר סטעיט-פראדוצירטע טעקסטילן און שטיצן ענווייראמענט-פריינטליכע מאדע.

לעצטע יאר האט די גאווערנער אנאנסירט אז א הויפטשטאט ראיאן-באזירטע גרופע, אריינרעכנענדיג די Rensselaer Polytechnic Institute, די Fashion Institute of Technology, Hudson Valley Textile Project, Field to Fiber, SUNY מאריסוויל און Made X Hudson, איז אויסדערוועהלט געווארן צו פארוואלטן אויף די FIC.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן